**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול אויף האָלידעי נורסינג האָום באזוכענישן**

״דעם האָלידעי סעזאן, אזוי ווי פילע ניו יארקער באזוכן ביי פאמיליע מיטגלידער אין לאנג-טערמיניגע אנטשטאלטן, וויל איך פארזיכערן אז מיר טוען אלץ וואס מעגליך צו באשיצן אונזערע נאענטע און באליבטע. אין די וואכן וועלכע האבן געפירט צו דער צייט פון יאר, האבן מיר גענומען שריטן צו באקעמפן דער פארשפרייטונג פון קאָוויד-19 אין די אנטשטאלטן, אריינגערעכנט דאס ארויסשטעלן מעדיציניש טרענירטע נעשענעל גאַרד טיעמס ארויסצוהעלפן נורסינג-האָומס לענגאויס דעם סטעיט און פארלאנגנדיג פון אלע אנטשטאלטן צו באזארגן בוּסטערס זינט ׳טענקסגיווינג׳. אויב איר האט א פאמיליע מיטגליד וואס קען נישט געבן ערלויבעניש צו באקומען דעם בוּסטער, ביטע צושטעלן ערלויבעניש פאר זייערטוועגן.

״אזוי ווי מיר באקעמפן דעם ווינטער אנפלייץ פון דעם נייעם אנשטעקיגן ווערייענט, דארפן מיר אלע טון אונזער חלק. אונזער העלט דעפארטמענט טוט שטארק מוטיגן באזוכער צו זיין וואקסינירט און גע׳בוּסט׳עט און, דארט ווי געפאדערט, צו טראגן א מאסקע די גאנצע צייט. דער צייטווייליגע מאסנאם וועט העלפן האלפן אייערע נאענטע און באליבטע זיכער און ביים לעבן.

״איך ווייס אז די צייט וואס מען דארף זיין אפגעטיילט פון נאענטע און באליבטע איז פיינליך, איבערהויפט אין האָלידעי צייטן, אבער ביטע געדענקט זיך אלץ צו באקלערן איבער די מערסטע אומבאשיצטע מענטש אין אייער לעבן, און נעמט נויטיגע שריטן זיי צו באשיצן. אינאיינעם וועלן מיר קענען דורכגיין דעם ווינטער אנפלייץ אויב מיר נעמען שכל׳דיגע שריטן זיך צו האלטן זיכער איינער דעם אנדערן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418